© copyright 2003 AFII

קאַפּיטל צוויי

[1] אויף יום השלישי איז פּאָרגעקומען אַ חתונה אין קָנָה אין דעם גליל; און די אֵם (מוּטער) פון רבּי מלך המשיח איז געקומען דאָרט.

[2] ער און זיינע תלמידים זיינען אויך געווען איינגעלאַדן צו דער חתונה.

[3] און ווען יין (וויין) האָט געפעלט, די אֵם פון רבּי מלך המשיח זאָגט צו אים, זיי האָבּן ניט יין.

[4] און רבּי מלך המשיח זאָגט צו איר, מַה לִי וָלָךְ, אִשָּׁה? מיין שער איז נאָך ניט אָנגעקומען.

[5] די אֵם פון רבּי מלך המשיח זאָגט צו די משרתם, אשר יואמר לָכֶם תעֲשׂוּ (טוט אלץ וואָס ער הייסט אייך).

[6] איצט זיינען געווען שֵׁשׁ (זעקס) שטיינערנע וואַסער קרוגן וואָס זיינען געלעגן דארטן. זיי זיינען געווען פאַר דער יידישער טהרת, יעדער האָט געהאַלטן צוואַנציק בּיז דרייסיק גאַלאָנען.

[7] רבּי מלך המשיח זאָגט צו זיי, פילט זיי אָן מיט מים. און זיי האָבּן זיי אָנגעפילט בּיז צום אויבּן.

[8] און ער זאָגט צו זיי פילט אָן איצט און בּרענגט עס צו דעם ראש המסִיבּה (הויפּט פון דער קבָּלָה, סעוּדה). און זיי האָבּן דאָס געבּראַרט.

[9] און ווען דער ראש המסיבּה האָט אעם געווען דאָס מים וואָס איז געוואָרן יין, און ווען ער האָט ניט געהאַט דַעַת פון וואַנען דאָס איז געקומען (אָבּער די משרתים האָבּן געהאַט דַעַת, די וועלכע האָבּן געשעפּט דאָס וואַסער), דער

ראש המסיבּה אַרויסגערופן האָט דעם חָתָן.

[10] און דער ראש המסיבּה זאָגט צו אים יעדער איינער זאָל אויסשטעלן דעם יין הטוב צוערשט, און ווען זיי זיינען געוואָרן שיכּור, האָט ער ארויס געשטעלט די ערגערע; דו האָסט געהאַלטן דעם יין הטוב בּיז איצט.

[11] דאָס איז געווען דער ראשות (אָנהויבּ) פון די אותת (ניסמדיקע צייכנס) רבּי מלך המשיח האָט געמאכט אין קָנָה פון דעם גליל, און ער האָט ארויסגסוויזן דעם כּבוד פון אים, ויאמינו בּא (און זיי האָבּן גערייגט זייער גלויבּן אין אים, שמות 14:31)

[12] נאָך דעם איז ער אַנידער געגאַנגען קיין כּפר-נחום און די אֵם פון רבּי מלך המשיח און די אַחים און זיינע תלמידים אויך, און זיי זיינען געבּליבּן דאָרטן ניט קיין סך ימים (טעג).

[13] און פּסח האָט זיך שנעל פאַרנענטערט, און רבּי מלך המשיח איז געגאַנגען ארויף קיין ירושלים.

[14] און אין דער בּית המקדש געטראָפן ער די אייניקע וואָס פאַרקויפן אָקסן און שאָף און טויבּן און די מטבּע הענדלער זיצנדיק.

[15] און האָבּנדיק געמאַכט אַ שוֹט (קאַנטשיק) פון שטריק רבּי מלך המשיח האָט אַלע פון זיי ארויסגעטריבּן פון דעם בּית המקדש, מיט די שאָף און די בּהמות. ער האָט אויך אויסגעגאָסן די מטבּעות פון די מְכַלפני הכּספים (געלט חלפָנים) און איבּערגעדרייט זייערע טישן.

[16] און צו די איינע וואָס פאַרקויפן טויבּן, רבּי מלך המשיח האָט געזאָגט, נעמט די זאַכן אוועק פון דאַנען. מאַכט ניט דאָס בּית אבי א בּית הסחרים (הויז פון הענדלער).

[17] די תלמידים פון רבּי מלך המשיח האָבּן דערמאָנט אז עס

איז געווען געשריבן, קנאַת ביתך אכלתני (די קינה פון דיין בית וועט מיר איינשלינגן.

[18] אין ענטפער, די פון יהודה האָבן דאן געזאָגט צו רבי מלך המשיח, וואָסער אוֹת (ניסמדיקע צייכן) טוסטו אונדז ווייזן פאר די זאכן וואָס דו טוסט?

[19] אין ענטפער, רבי מלך המשיח זאָגט צו זיי, ברענגט חורבן צו דעם הֵיכל און אין שלושת ימים וועל איך דאָס אויפהייבן.

[20] די פון יהודה האָבן דאַן געזאָגט, אין פערציק און זעקס יאָרן האָט מען אויפגעבוט דעם הֵיכל און דו אין שלושת ימים וועסט דאָס אויפהייבן?

[21] אָבער דער איינער האָט גערעדט וועגן דעם הֵיכל פון רבי מלך המשיח'ס בָשָר.

[22] דעראיבער, ווען ער האָט דורכגעמאַכט דעם תחית המשיח (ווידעראויפלעבונג פון דעם משיח), זיינע תלמידים האָבן געדענקט אז דאָס האָט ער גערעדט און ויאמינו (און זיי האָבן געלייגט זייער גלויבן, שמות 14:31) אין די כתבי הקודש און דעם דבר וואָס רבי מלך המשיח האָט געזאָגט.

[23] און ווען רבי מלך המשיח איז געקומען אין ירושלים אויף פֶּסַח צו דעם חַג, אַ סַך פון יהודה האַבן געהאַט אמונה (גלויבן) אין הַ-שֶם פון רבי מלך המשיח, ווען זיי האָבן געזען די אותות (ניסמדיקע צייכנס) וואָס ער אויפגעטאָן.

[24] אָבער רבי מלך המשיח האָט זיך ניט געלאָזט פאַרטרויען אין זיי, ווייל ער האָט געהאַט דעת פון כל בני אדם.

[25] און ער האָט ניט געדאַפט אז קיינער זאָל געבן פייערלעך עדות (עדותשאַפט) וועגן זיי, ווייל ער האָט געקענט וואָס איז פאַראן אין בני אדם.